THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY JUL 16 ASTOR, LENOX AND TILDEN FOUNDATIONS

ווועטער:
קלאר און ווארים

The Only Jewish
Newspaper in
Western Canada
Established 1910
PUBLISHED
DAILY

דאס
אידישע ווארט
THE GATEWAY OF THE WEST
THE ISRAELITE PRESS

די איינציקע אידישע
צייטונג
אין מערב קאנאדע
עטאבלירט אין 1910
דערשיינט
יעדן טאג

אנג — 4.28.
אונטערגאנג — 8.37.

Vol. 21, No. 160. Winnipeg, Thur. July 9, 1931. Published Daily except Saturday and Sunday. דערשיינט יעדן טאג חוץ שבת און זונטאג דאנערשטאג כ' תמוז, תרצ"א.

מעגלאך אז ווייצמאן זאל ווידערדערוויילט ווערן

אוממעגלאכקייט צו שאפן קאאליציע קאן פירן צו זיין ווידערדערוויילונג. — קאנגרעס נעמט זיך פאר וויכטיקער ארבעט אנצוצייכענען פאליטיק און דערוויילן נייע עקזעקוטיווע. — רעזיגנאציע פון אלטער עקזעקוטיווע אנגענומען

(ספעציעלע טעלעגראמע צו "דאס אידישע ווארט" פון "איטא")

באזעל, יולי 8 (איטא). — ווען דער ציוניסטישער קאנגרעס איז היינט אריבער צו דער צווייטער וויכטיקער פאזע פון זיין ארבעט, צו באשטימען די נייע פאליטיק פון דער ציוניסטישער באוועגונג און צו דערוויילן א נייע ציוניסטישע עקזעקוטיווע, איז עס געווארן קלאר, אז די באמיאונג צו שאפן א ברייטע קאאליציע פון אלע פארטייען האט דערווייל ניט געבראכט קיין שום רעזולטאטן. מען פילט דא דערפאר, אז צוליב דער אלגעמיינער מידקייט פון די דעלעגאטן קאן דער קאנגרעס אין דער לעצטער מינוט ווידערדערוויילן ווייצמאנען פאר פירער פון דער באוועגונג.

די ארבעטער דעלעגאציע זוכט נאך אלץ צו פארהיטן די פאליטיק פון דר. ווייצמאן, זייענדיק גרייט צוליב דעם מקריב צו זיין ווייצמאנען אליין. זיי באמיען זיך נאך אלץ צו שאפן א קאאליציע פון אלע גרופן, אבער אויסער די רעוויזיאניסטן. דער דערפאלג פון זייער ארבעט ווערט אבער באטראכט ווי זייער צווייפלהאפט.

דער דורכפאל פון די פלענער פאר אן אלגעמיינער קאאליציע איז א רעזולטאט דערפון וואס ניט די ארבעטער פראקציע און ניט די רעוויזיאניסטן זיינען ניט גענייגט צו באטייליקן זיך אין אזא סארט קאאליציע, וואו זיי וועלן דארפן מיטארבעטן.

אויסנוצנדיק די געלעגנהייט וואס קיין פלענארע זיצונגען קומען היינט ניט פאר, האבן זיך די קאנגרעס קאמיסיעס גענומען פלייסיק פאר דער ארבעט, צוגרייטנדיק א צאל רעזאלוציעס, שאפנדיק א באזיס פאר א פראגראם און שטודירנדיק דעם פערסאנאל פאר א נייער עקזעקוטיווע.

דער גרויסער דעפיציט פון דער אידישער אגענטור קריגט אויך באזונדער אויפמערקזאמקייט.

דער קאנגרעס האט היינט אנגענומען אן וועלכע ס'איז פירושים די רעזיגנאציע פון דער אלטער עקזעקוטיווע, דערוויילט ביים קאנגרעס פון 1929. די מיטגלידער פון דער דאזיקער עקזעקוטיווע זיינען געווען: נחום סאקאלאוו, הענריעטא סאלד, לאזארוס בארט, רבי מאיר בערלין, פראפ. זעליק בראדעצקי, שלמה קאפלאנסקי, קאל. פרעדעריק קיש, לואיס ליפסקי, פעליקס ראזנבלוט, הערי סאכער, דר. ארטור רופין און יוסף שפרינצאק.

פרא־אראבישע פארזאמלונג אין לאנדאן אטאקירט דעם ציוניזם

לאנדאן, יולי 9 (איטא). — א ביטערע אטאקע קעגן דער ציוניסטישער באוועגונג איז דא נעכטן געמאכט געווארן ביי א פרא אראבישער פארזאמלונג אין האיד פארק האטעל, דורכגעפירט אונטער'ן אויפזיכט פון דער נאציאנאלער ליגע.

די פארזאמלונג איז פארופן געווארן, ווי עס איז דערקלערט געווארן, "מיט'ן צוועק צו דערמעגלאכן די בריטישע און מוסולמאנישע פירער צו שאפן א פאראייניקטע שטעלונג פאר א קלארער פאליטיק בנוגע פאלעסטינע".

א ברייטער מוסולמאנישער קאמפיין אין פאלעסטינע קעגן דעם ציוניזם איז פאראויסגעזאגט געווארן אין א בריוו צו דער פארזאמלונג פון שאקאט אלי, אינדיש־מוסולמאנישער פירער. אין דעם בריוו האט שאקאט אלי אויסגעדריקט זיין פריינטשאפט צו די "אראבישע פארבינדעטע", און ער האט דערקלערט, אז די אינדישע מוסולמאנער זיינען באקאנט "מיט די אבזיכטן פון די אידן אין פאלעסטינע און אינ'ם מיטל־מזרח".

אלי האט אויך געלאזט וויסן די פארזאמלונג, אז א ברייטער מוסולמאנישער קאמפיין וועט קירצלאך אנגעפאנגען ווערן אין פאלעסטינע ביי א קאנפערענץ וואס ער וועט אפהאלטן מיט'ן גראנד מופטי.

הינגע פוטבאל ליגע באדויערט שטארק די צוריקציאונג פון די י. מ. ה. א. שפילער

טיפע און ערנסטע אלגעמיינע באדויערונג איז לעצטן אוונט אויסגעדריקט געווארן ביי א פארזאמלונג פון דעלעגאטן פון דער וויניפעג און דיסטריקט פוטבאל ליגע, וואס די אידישע (י. מ. ה. א.) טימס האבן איבערגעריסן זייערע פארבינדונגען מיט דער ליגע.

די דעלעגאטן האבן אויסגעדריקט זייער באדויערן, וואס אן אומגליקלאכע מיספארשטענדניש האט געפירט צו דער רעזיגנאציע פון די אידישע שפילער, און זיי האבן אויסגעדריקט זייער מיינונג, אז אלץ וואס איז נאר מעגלאך זאל געטאן ווערן צו באזייטיקן די מיספארשטענדניש.

יו באיד, פארשטייער פון דער איירישער טים, האט אויסגעדריקט זיין באזונדער פארדראס, וואס דער באדויערנסווערטער אינצידענט האט פונקט פאסירט בעת דער שפיל מיט זיין טים. "מיר זיינען תמיד געווען די בעסטע פריינט, סיי אויפ'ן פעלד און סיי אויסער אים", — האט ער געזאגט, און ער האט דערקלערט, אז דאס צוריקציען זיך פון דער י. מ. ה. א. וואלט געווען א שווערער קלאפ פאר דער סאקער שפיל אין שטאט.

אין דעם זעלבן טאן האט אויך גערעדט דזשאן קאלווין, פארשטייער פון דער סקאטישער טים, און די איבעריקע דעלעגאטן.

די רעזיגנאציע פון די י. מ. ה. א. איז אנגענומען געווארן "מיט באדויערן" און מיט'ן תנאי אז אלץ זאל געטאן ווערן אויסצוגלייכן די מיספארשטענדנישן און מיט דער האפענונג אז די י. מ. ה. א. וועלן צוריקציען זייער באשלוס.

(:־:)

פאול טאובמאן אויף דער ראדיא היינט

פאול טאובמאן, באוואוסטער וויניפעגער אידישער מוזיקער, וועט היינט (יולי 9טן), 8 אוונט, געהערט ווערן אין א סאלא אויף דער ראדיא. ער וועט שפילן פון מינאקי אין, מינאקי, אנט., פאר דער סי. ען. אר. טראנסקאנטינענטאלער ראדיא באדינונג.

(::)

צונויפגעוואקסענער צווילינג צעטיילט דורך אפעראציע

באלטימאר, יולי 9. — א צווילינג מיידלאך זיינען דא געבארן געווארן צוזאמענגעוואקסן און זיי זיינען אפגעטיילט געווארן דורך אן אפעראציע וואס איז אומפארגלייכבאר אין די לאקאלע רעקארדס.

די אפעראציע איז דורכגעפירט געווארן דערפאלגרייך, אנגעפירט פון דריי דאקטוירים, און לויט זייער מיינונג וועט נויטיק זיין צו מאכן נאך אן אפעראציע.

לאגע אין סאסקאטשעוואן האט זיך גוואלדיק פארבעסערט

"די לאגע אין סאסקאטשעוואן, וועלכע איז געווען פארצווייפלט יוני 29טן, האט זיך גוואלדיק פארבעסערט פון דאן אן", — באריכטעט וו. ל. מעקטאוויש, רעדאקטאר פון דער הינגער "טריביון", אין דער צייטונג.

מר. מעקטעוויש, וועלכער מאכט א טור איבער סאסקאטשעוואן, באריכטעט, אז די רעגנס און קילער וועטער וואס האלטן אן זינט יוני 29טן, האבן געמאכט א גוואלדיקע איבערקערעניש אין די טרוקענע געגנטן. פעלדער וואס האבן דאן אויסגעזעען ווי זאמד מדבריות האבן זיך צוגעדעקט מיט גרינס. די רעגנס זיינען געקומען צו שפעט צו ברענגען א נארמאלן יבול, זאל אבער דער וועטער פון איצט אן אנהאלטן א גינסטיקער, וועלן די פארמערס שניידן אביסל ווייץ און זיי וועלן האבן א גענוגנדיקן זאפאס פון פאשע פאר זייערע בהמות.

די לאגע פון די פארמערס איז נאך אלץ זייער א קריטישע, און, ווי פרעמיער בענעט האט זי באצייכנט, קאן זי באטראכט ווערן ווי א נאציאנאלער אומגליק. אבער דאך איז די לאגע איצט אן א פארגלייך בעסער ווי מיט צען טעג צוריק, ווען די פעלדער האבן אויסגעזעען ווי אן אמת'ער מדבר.

א סך פארמערס, באריכטעט מר. מעקטעוויש, האבן ערשט פארזייט שפעטע האבער פאר גרינער פאשע פאר זייערע בהמות.

רעליגיעזער למוד וויכטיקער ווי העברייאיש, דערקלערן ראביים

(ספעציעל פאר ד. א. וו. דורך "איטא")

לאנגבראנטש, נ. דזש., יולי 9 (איטא). די וויכטיקע פראגע פון אידישער דערציאונג פאר'ן יונגן אידישן דור איז ווארים דיסקוטירט געווארן נעכטן ביי דער קאנווענשאן פון דער פאראיין פון קאנסערוואטיווע ראביים פון אמעריקע, וואס ווערט דא היינט געשלאסן.

די מייסטע ראביים האבן אויסגעדריקט די מיינונג, אז א מינימום פון אידישער בילדונג מוז צופרידן שטעלן דאס דורכשניטלאכע אידישע קינד אין אמעריקע, און אז מען מוז לייגן מער וואג אויף עטיק און רעליגיע, ווי אויפ'ן למוד פון דער העברייאישער שפראך.

(::)

"קיין אידן דערלויבט" אין באד פלאץ ארום מאנטרעאל

מאנטרעאל, קווע., יולי 9 (איטא). — א שילד "קיין אידן ניט דערלויבט" וועט באלד ארויסגעהאנגען ווערן ביי א באד־פלאץ מיט'ן נאמען קעיפ סט. זשאק, 20 מייל פון מאנטרעאל.

צוויי לאקאלע אידן, וואס האבן אנומלט באזוכט דעם באד־פלאץ, האבן דארטן געקראגן זייער אן אומפריינטלאכן קבלת־פנים. דער אייגנטימער פונ'ם פלאץ האט זיי גאנץ דייטלאך דערקלערט, אז אידן זיינען דא ניט קיין ווילקאמענע געסט, און אז אין דער צוקונפט וועט דער צוטריט צום פלאץ פאר אידן אינגאנצן פארמאכט ווערן.

(::)

פרוי ארעסטירט אויף קלאגע פון פארזוך צו דערמארדן

דזשוליא בלאסקי, ארעסטירט נעכטן אינדערפרי, וועט היינט דארפן ענטפערן אין פאליציי געריכט אויף א קלאגע פון מאכן א פארזוך צו דערמארדן ניק קאלסניק, פון 466 מעגנוס עוועניו.

קאלסניק ליגט אין סט. דזשאזעפס האספיטאל מיט שניטן אויפ'ן קאפ און ארעמס, וועלכע די בלאסקי פרוי זאל אים האבן געמאכט.

ווי שכנים דערציילן, האבן זיך קאלסניק און די פרוי אפט געקריגט, און נאך איינער אזא קריגעריי, דינסטאג אוונט, איז קאלסניק געפונען געווארן א צעהאקטער. א סברא, אז "די שוואכע פרוי" זאל זיך האבן באנוצט מיט א האק.

(::)

פרויען פון העלדישע לופטפליער האבן עראפלאן עקסידענט

קאלאמבוס, אהייא, יולי 8. — די פרויען פון ווילי פאסט און העראלד געטי, די לופטפליער וועלכע האבן געמאכט א דערפאלגרייכע רייזע ארום דער וועלט אין 8 טעג צייט, פליענדיק אין זייער עראפלאן "ווינניע מעי", זיינען ניט געווען אזוי מזלדיק ווי זייערע מענער.

פליענדיק אינ'ם עראפלאן פון דער איסט צו זייערע היימען אין דער וועסט, האט זיך אפגעבראכן א פליגל פון עראפלאן, ווען זיי האבן שוין געהאלטן ביים ארונטערלאזן זיך

די פרויען זיינען נאכגעפלויגן זייערע מענער פון דעם מוניציפאלן לופט־פארט, פון ניו־יארק, קיין קאלאמבוס אהייא. דערזעענדיק דעם עקסידענט, האבן פאסט און געטי זיך ארונטערגעלאזט פון זייער עראפלאן און זיי זיינען געקומען צו הילף צו זייערע פרויען.

(::)

דערווארטן ביליקערע שיפס־קארטן

פאריז, יולי 9. — די פאריזער אויסגאבע פון "שיקאגא טריביון" מעלדעט, אז א רעדוקציע פון די פרייזן פון טראנסאטלאנטישע שיפסקארטן אויף 20 פראצענט וועט אפשר קירצלאך אנאנסירט ווערן.

דער באשלוס, זאגט די צייטונג, דארף אנגענומען ווערן אויף א קאנפערענץ פון די וויכטיקערע צפון אטלאנטישע ליניעס, וואס ווערט היינט אפגעהאלטן אין פאריז.

(::)

17 יאריק אינגל געטויט ארויספאלנדיק פון פראכט וואגאן

יארקטאן, סאסק., יולי 8. — דער קערפער פון דעניעל ארדיל, 17 יאר אלט, איז געפונען געווארן א צעשמעטערטער אויף דער אייזנבאן ליניע ארום מארשוועל סטאנציע.

מען גלויבט, אז דער יונג איז ארונטערגעפאלן פון א פראכט וואגאן פארנדיק קיין פארטעדזש לא־פרייריע.

דער דער'הרג'עטער קומט פון ראקי מאונטען האוז, אלבערטא.

מאנטרעאל צווייפלט אין באריכט וועגן רבי זלאטניקס איבערגאנג צו רעוויזיאניסטן

(ספעציעלע טעלעגראמע צו "דאס אידישע ווארט" פון "איטא")

רבי זלאטניקס איבערגאנג באשטעטיקט

ווען די צייטונג גייט צום דרוק, קריגן מיר א קייבל דעפעשע פון י. העסטרין, פון באזעל, אין ענטפער אויף אונזער אנפראגע, וואס באשטעטיקט רבי זלאטניקס איבערגאנג צו די רעוויזיאניסטן.

די קייבל לויטעט:

"רבי זלאטניק בארעכטיקט דעזערטירונג מיט פראטעסט קעגן ווייצמאנען.

העסטרין".

מאנטרעאל, יולי 9 (איטא). — די הינגע ציוניסטן זיינען איבערראשט געווארן פונעם באריכט פון באזעל, אז רבי י. ל. זלאטניק איז צוגעשטאנען צו די רעוויזיאניסטן. די ציוניסטישע פירער זיינען ניט גענייגט צו גלויבן אין דעם באריכט.

דער פרעזידענט פון דער קאנאדער ציוניסטישער ארגאניזאציע, א. דזש. פרימאן, האט געמאכט די פאלגנדיקע דערקלערונג צו דער "איטא": — "אויף וויפל איך ווייס, איז רבי זלאטניק ניט צוגעשטאנען צו די רעוויזיאניסטן, אויסער דעם וואס ער שטימט מיט זיי און טוט אלץ וואס ער קאן אז דער קאנגרעס זאל ניט אננעמען מאקדאנאלדס בריוו. דערינען האט ער די שטיצע פון דער גאנצער הינגער ציוניסטישער ביורא".

(די זעלבע דערקלערונג האט מר. פרימאן געגעבן צו ד. א. וו., ווי מיר האבן עס נעכטן פארעפנטלאכט. רעד.)

לואיס פיטש, וויצע־פרעזידענט פון דער קאנאדער ציוניסטישער ארגאניזאציע האט דערקלערט, אז די קאנאדער דעלעגאציע האט געקראגן גאנץ באשטימטע אינסטרוקציעס בנוגע די וויכטיקערע פראגן, און קיינער פון די דעלעגאטן האט ניט קיין רעכט צו צושטיין צו די רעוויזיאניסטן, און אויב דער באריכט פון באזעל איז אמת, האט רבי זלאטניק געהאנדלט אויף זיין אייגענער אחריות.

מר. פיטש איז אויך גענייגט צו גלויבן, אז רבי זלאטניק שטימט מיט די רעוויזיאניסטן בלויז אין דער פראגע פון מאקדאנאלדס בריוו.

אידן אטאקירט אין פוילישן שטעטל

ווארשע, יולי 9 (איטא). — פינף אידן זיינען פארוואונדעט געווארן, און אמווייניקסטנס איינער פון זיי ערנסט, אין אן אנטיסעמיטישער אטאקע אין קאנסק, קיעלצער קרייז. וואו אגיטאטארן האבן לעצטנס טעראריזירט די אידישע באפעלקערונג און געהעצעט די פויערים צו באגיין גוואלדטאטן קעגן די אידן.

א דעלעגאציע פון די אידן פון קאנסק האט היינט באזוכט דעם גאווערנאר, בעטנדיק שוץ.

(::)

מאן און פרוי געפונען טויט אין שטאל אויף א פארם

נאלט, אנט., יולי 8. — די קערפערס פון ניניטרא טשאפיאק און זיין פרוי זיינען געפונען געווארן נעכטן ביינאכט אין א שטעלכל אויף א בעווערלי טאונשיפ פארם, זעקס מייל מזרח פון נאלט.

די קערפערס זיינען אנטדעקט געווארן פון א. בראדוויוואר, א קצב (בוטשער), וועלכער איז געקומען אויף זייער פארם. מען גלויבט, אז זיי זיינען געווען טויט פאר די לעצטע דריי טעג.

ארום זייערע קערפערס האט בראדיוואר געפונען א שאכטל פון א ראזירמעסער און הינטער טיר פונם שטעלכל איז געלעגן א פארבלוטיקטער האק. מען גלויבט, אז דאס איז א פאל פון א מארד און זעלבסטמארד.

רעוויזיאניסט שטערבלאך פארוואונדעט געווארן פון קאמוניסט

(ספעציעל פאר ד. א. וו. דורך "איטא")

ווארשע, יולי 8 (איטא). — א יונגער ציוניסט רעוויזיאניסט איז שטערבלאך פארוואונדעט געווארן אין א געשלעג צווישן רעוויזיאניסטן און קאמוניסטן אין שטאט טאמאשאוו־מאזאוועצקי, בעת א הזכרה פארזאמלונג נאך דר. הערצל, לויט באריכטן וואס זיינען אהער אנגעקומען.

דער באריכט לויטעט, אז בעת די רעדעס האבן די קאמוניסטן אויפגעהויבן א רויטן פלאג, פרובירנדיק גליכצייטיק אראפרייסן דעם אידישן פלאג. די רעוויזיאניסטן האבן זיך ווידערגעשטעלט, און די געשלעג איז אויסגעבראכן.

די פאליציי האט ארעסטירט א צאל קאמוניסטן.

הינגער קאמוניסט ארעסטירט אויף קלאגע פון פאראט

עדווארד פעירהוירסט, א וויניפעגער קאמוניסט איז דינסטאג אוונט ארעסטירט געווארן אין זיין היים 445 קאמבערלאנד עוועניו, אויף דער קלאגע אז ער האט גערופן צו אן אויפשטאנד.

די קלאגע, ווערט געזאגט, איז קעגן אים געמאכט געווארן דערפאר וואס ער האט געהאלטן א רעדע פאר א גרויסן עולם מאנטאג אוונט, אויפן מארקעט סקווער, ווען אנדערע מיטגלידער פון דער קאמוניסטישער פארטיי זיינען געקומען צום סיטי קאונסיל פראטעסטירן קעגן דעם פארשלאג צו פארבאטן אפצוהאלטן פארזאמלונגען אויפן סקווער.

עס ווערט געזאגט, אז פעירהוירסט זאל אין זיין רעדע האבן געסטראשעט דער שטאטישער פאליציי, און אז ער האט גערופן די יעניקע וועלכע זיינען אנוועזנד געווען מאנטאג אוונט ביי דער פארזאמלונג, אז זיי זאלן קומען דאנערשטאג (היינט) אוונט, און זיי זאלן זיין גרייט צו באפאלן די פאליציי. ער האט געזאגט צו די פארזאמלטע, אז היינט אוונט וועלן די קאמוניסטן זיך פארזאמלען אויפן מארקעט סקווער, ניט אכטנדיק וואס פאר א מיטלען דער סיטי קאונסיל וועט אננעמען מען אפצושטעלן די פארזאמלונגען.

"זייט דא דאנערשטאג אוונט, ניט רעכענענדיק זיך דערשיט צי דער סיטי קאנסיל וועט דערלויבן אדער ניט. קומט צוגעגרייט צו שלאגן די פאליציי; דא זיינען ניטא קיין אייזנבאן ליניעס. אויב זיי וועלן ארויסשיקן מער פאליציי, וועלן מיר האבן מער צו הרג'ענען", — האט פעירהוירסט געזאגט, לויט די פאליציסטן וועלכע זיינען געשטאנען אויף דער וואך מאנטאג אוונט אויפן מארקעט סקווער.

"ברענגט מיט זיך אייערע אייגענע געווער און מיר וועלן זיי ווייזן זיי ריכטיקע געשלעג", — האט ער געזאגט אין זיין איינלאדונג צום שלוס פון זיין רעדע, לויט דער פאליציי.

די קלאגע קעגן פעירהוירסט איז נעכטן געלעגן אין שטאטישן פאליציי געריכט, אבער דער פראצעס איז אפגעלייגט געווארן פאר א וואך צייט דורך אן אפמאך צווישן דער קרוין און מר. ס. גרינבערג, פעירהוירסט'ס פארטיידיקער.

ווען פעירהוירסט איז דינסטאג אוונט ארעסטירט געווארן איז ער געבראכט געווארן אין פאליציי סטאנציע, ער איז אבער לאנג ניט פארהאלטן געווארן און ער איז ארויס אויף ערבות (בייל) פון פינף טויזנט דאלאר אין צוויי סעקיוריטיס צו $2,500 יעדע. מייק נעמאלאוויטש, 885 מעגנוס עוועניו, און פיט סקלאריק, פון 104 דיזראעלי סטריט, האבן פאר אים איינגעלייגט דעם "בייל".

סער אסוואלד מאסלי און זיינע אנהייגער זעצן זיך איבער אין הויז מיט די קאנסערוואטיוון

לאנדאן, יולי 9. — סער אסוואלד מאסלי האט ענדגילטיק איבערגעבראכן וועלכע ס'איז באציאונגען מיט דער ארבעטער פארטיי, און איז אריבער פון דער ארבעטער זייט פון הויז, פארנעמענדיק אן ארט אויף די הינטערשטע ביינקלאך און סאמע לינקס פון די קאנסערוואטיוון.

צוזאמען מיט אים זיינען אריבער נאך דריי געוועזענע ארבעטער דעפוטאטן: לידי סינטיא מאסלי, ע. דזש. סטרעטשי און דר. ר. פארגאן.

א פינפטער מיטגליד פון זיין גרופע, וו. ע. ד. אלען, איז דערוויילט געווארן אויפ'ן קאנסערוואטיוון צעטל. אליווער באלדווין, זון פון סטענלי באלדווין און א געוועזענער פראמינענטער סאציאליסט, וועלכער האט אויך געזאלט צושטיין צו מאסלים פארטיי, איז נאך דערווייל אין איר ניט אריין.

דער איבערגאנג פון סער אסוואלד מאסלי צו די קאנסערוואטיווע ביינקלאך איז באגריסט געווארן פון די ארבעטער ביינקלאך מיט א פייפעריי און מיט'ן אויסרוף "צוריק אהיים!"

לארד מאסלי איז אין 1918 אויסגעקליבן געווארן אין פארלאמענט אויפ'ן קאנסערוואטיוון צעטל. אין 1922 איז ער געווען אן אומאפהענגיקער, און אין 1924 האט ער שוין קאנדידאטירט ווי א מיטגליד פון דער ארבעטער פארטיי, גרינדענדיק אן אייגענע פארטיי מיט א האלב־פאשיסטישן פראגראם. איצט איז ער צוריק אין די רייען פון דער קאנסערוואטיווער פארטיי, כאטש ער האט קאנטיק ניט אויפגעגעבן זיין געדאנק פון אן אייגענער פארטיי.

הינגע קאמוניסטישע פירער זאגן ארויס מיינונגען וועגן דעפארטאציע באריכט

די פלענער פון דער פעדעראלער רעגירונג צו דעפארטירן די קאמוניסטישע פירער פון קאנאדע, וועט ניט היילן די איצטיקע אומרואיקייט וואס קומט פאר אין פארשיידענע שטעט איבער'ן לאנד, נאר עס וואלט אויפגערייצט מער טראבל, און עס וואלט נאך מער פארשפרייט דעם קאמוניסטישן געדאנק, האבן דערקלערט קאמוניסטישע פירער דינסטאג אוונט, ווען מען האט זיי געפרעגט זייער מיינונג וועגן די טעלעגראפישע ידיעות פון אטאווא, אז די פעדעראלע רעגירונג פלאנט "אויסצוראטן" אלע קאמוניסטן און רעוואלוציאנערן אין אלע טיילן פון קאנאדע.

עקס־אלדערמאן וו. נ. קאליסניק האט געזאגט, אז ער וואלט געווען צופרידן דעפארטירט צו ווערן קיין סאוועטן רוסלאנד, און אויב דאס זאל פאסירן, וואלט ער בלויז באדויערט וואס ער וואלט ניט געקאנט פארשפרייטן די קאמוניסטישע טעאריע אין דעם לאנד. ער האט אויך דערקלערט, אז ער איז א קאנאדער תושב פאר די לעצטע 33 יאר, און אז ער איז אין דעם לאנד געווארן א קאמוניסט.

לעסלי מארים האט געמאכט א לענגערע דערקלערונג וועגן דעם דעפארטאציע ענין, אין דעם נאמען פון דעם וויניפעגער צווייג פון דער קאמוניסטישער פארטיי. צווישן אנדערש האט ער געזאגט, אז "די דעפארטאציע סטראשונקעס זיינען אן אנדייטונג אויף דעם באנקראט פון דער בענעט רעגירונג, אויב זי דיינקט, אז זי קאן ווארפן די שולד פאר דעם קאפיטאליסטישן קריזיס אויף די פלייצעס פון די יעניקע אויסלענדישע ארבעטער וועלכע זיינען געבראכט געווארן קיין קאנאדע פון ענלאכע רעגירונגען אלס ביליק באצאלטע ארבעטער".

מ. סאוויאק האט ריידנדיק ביי א פארזאמלונג אויף מאקריי עוו. און פאר סט. דערקלערט, אז די מיטגלידער פון דער קאמוניסטישער פארטיי זיינען ניט קיין פחדנים. "די ארבעטסלאזיקייט און דער עקאנאמישער קריזיס זיינען די הויפט אורזאכן פון ראיאטן און דעמאנסטראציעס", האט ער געזאגט.

(::)

כנסת הרבנים קריטיקירט אגודת הרבנים

ניו־יארק יולי 9 (איטא). — די נויטווענדיקייט אפצוהיטן שטרייננגער די כשרות געזעצן אין ניו־יארק איז באטאנט געווארן פון די רעדנער ביי דער קאנווענשאן פון דער "כנסת הרבנים", א רבנ'ישע ארטאדאקסישע ארגאניזאציע.

די רעדנער האבן שארף קריטיקירט די "אגודת הרבנים", די צווייטע רבני'שע ארגאניזאציע פון די שטאטן און קאנאדע.

צווישן די רעזאלוציעס אנגענומען ביי דער קאנווענשאן איז דא איינע וואס פראטעסטירט קעגן דעם רעגיסטראציע ביל אין מישיגאן.

איבער 100 רבנים פון די שטאטן און קאנאדע זיינען געווען אנוועזנד ביי דער קאנווענשאן.

אגב - אורחא

פון מארק

אונזערע שכנים און מיר

מיר איז איינמאל אויסגעקומען צו פארברענגען א פאר טעג מיט א ניט־אידישער טוריסטן פארטיע.

פון די 35 מיטגלידער פון דער פארטיע, צווישן וועלכע עס איז געווען א צאל פון די "אנגעזעענסטע באלעבאטים פון שטאט" (וויניפעג), זיינען צוויי געווען אידן, — ה. ה., אויסער מיר, נאך א איד.

מיר האבן פיין פארבראכט די פאר טעג. דער קריזיס האט זיך דא גאר ניט געפילט. ס'איז געווען גענוג צו עסן, און, וואס איז נאך וויכטיקער, צו טרינקען.

און ווען עס קומט צו טרינקען, מוז איך אייך זאגן (אויב איר ווייסט עס נאך ניט), זיינען אונזערע ניט־אידישע שכנים גאר גרויסע בריות. זיי האלטן ניט פון "נעמען א קאפעטשקע", ווי ס'איז דער אידישער שטייגער. זיי טרינקען ניט, נאר טרינקען אויס, און כל־זמן די פלעשלאך, וויפל זיי זאלן ניט זיין, זיינען נאך ניט ליידיק, פילן זיי ניט, אז זיי זאלן האבן דערפילט זייער פליכט...

אבער עס מאכט ניט אויס, — מען טרינקט און טרינקט און מען פארלירט ניט די צורת אדם. מען פארבלייבט הושענטלעך ביז צום סוף. מען הוליעט, מען טאנצט און מען שפאסט, אבער מען ווערט ניט ווילד.

פארט א הויך ציוויליזירט פאלק.

* * *

דא האבן זיך פאר מיר אנטפלעקט זייער אינטערעסאנטע כאראקטעריסטיקס פונ'ם אנגלא־סאקס.

ערשטנס, דעמאקראטיע. דא זיינען געווען פארשטייער פון די פארשיידנסטע שיכטן, מיליאנערן ביז פשוט'ע לוין ארבעטער, און קיין שום קלאסן אונטערשייד האט זיך ניט געפילט. און רופן האט מען זיך איינער דעם צווייטן געוויינט ביי די ערשטע נעמען, — "ביל", "הענק", "באב", "דזשעק".

צווייטנס — טאלעראנץ. מענשן האבן דיסקוטירט וועגן פארשיידענע פראגן, האבן ארויסגעזאגט פארשיידענע, קעגנזייטיקע מיינונגען, און קיינער איז קיין איין מאל ניט ארויס פון די כלים און יעדער איינער האט מיט רעספעקט אויסגעהערט דעם צווייטנס מיינונג.

צווישן די מיטגלידער פון דער פארטיע זיינען געווען פאליטישע טוער פון פארשיידענע ריכטונגען, וואס קעמפן אפט אויף דער פאליטישער ארענע צו די פארביטערסטע קאמפן. דא איז דאס אלץ פארגעסן געווארן. אלע זיינען געווען ווי מיטגלידער פון איין משפחה. די קאמפן, ווי זיינע געשעפטן, לאזט דער אנגלא־סאקס איבער'ן פלאץ און פאר די שעה'ן באשטימט פאר דעם...

* * *

די באציאונג צו אונז, אידן, האט זיך מיט גארנישט ניט אויסגעצייכנט פון דער אלגעמיינער באציאונג פון אלע אנדערע מיטגלידער איינער צום צווייטן.

מיר זיינען אנערקענט און אריינגענומען געווארן ווי מיטגלידער פון דער משפחה, און מיר אליין האבן ניט געפילט לכתחילה קיין שום פרעמדקייט, אויסער אפשר א געוויסע ניט־געוויינהייט.

דאס לעצטע האב איך באזונדערס געפילט, ווייל איך בין צופעליק פאר די לעצטע צען יאר ניט געווען אין קיין ניט־אידישער געזעלשאפט פאר א לענגערע צייט.

מיר האבן בשום אופן ניט געקאנט פילן, אז מיר זיינען ווייניקער וויכטיקע מיטגלידער פון דער פארטיע, ווי אימעצער אנדערש. און אונזערע מיט־טוריסטן האבן בשום אופן אונז ניט געלאזט פילן א וועלכן ס'איז אונטערשייד צווישן אונז.

* * *

ליידער האט די באציאונג ניט אויסגעהאלטן די גאנצע צייט. כאטש דאס האט געהאט צו טאן בלויז מיט צוויי מיטגלידער פון דער פארטיע, ביידע אזעלכע, וואס זיינען געווען גענייגט צו שיכרות און האבן איבערגעכאפט די מאס.

זיי ביידע, — אמווייניקסטנס איינער פון זיי גאר א פראמינענטער בירגער פון שטאט, — האבן אנגעהויבן צו מיר בערקלערן זיך אין ליבע צו אידן.

און איך האב דאס ליב, ווי לאקריצע אויף א פולן מאגן: עס ווערט מיר ניט גוט פון דעם.

און איך ווייס, אז פון ליבע דערקלערונג ביז "ג. ד. דזשו" איז דער מהלך אין אזעלכע פאלן בלויז נאך א פאר גלעזלאך...

און כך־הוה: אין א האלבער שעה ארום הער איך, ווי "דער פראמינענטער בירגער" שרייט צום צווייטן אידן מיט כעס: "דו גיי צוריק קיין רוסלאנד, וואוהין דו באלאנגסט".

* * *

איך ווייס ניט וואס דער איד האט געזאגט אדער געטאן, וואס ער האט אזוי ארויסגערופן יענעמס צארן.

איך ווייס, אז אין א קורצער ווילע ארום איז ער צוגעקומען צו דעם אידן און געבעטן ביי אים אנטשולדיקונג פאר זיין "אומטאקטישער" באמערקונג.

אבער מיין שטימונג איז שוין געווען א געדריקטע. איך האב מיטאמאל דערפילט מיין גאנצע אידישקייט אויף מיינע פלייצעס.

אז אונזערע מיטפארער האבן עס אויך דערפילט האב איך געלערנט פון דעם. וואס אייניקע פון זיי זיינען צוגעקומען צו מיר און געבעטן מיך "ניט צו שיינקען קיין אויפמערקזאמקייט יענעמס שיכור".

אפשר האבן זיי עס געטאן דערפאר וואס זיי האבן געוואוסט אז איך בין א צייטונגס מאן, אבער מיין איינדרוק איז, אז זיי האבן עס געטאן אויס העפלאכקייט צו מיר, ווי צו א אידן.

עס איז געווען פארפאלן: איך האב דערפילט, אז איך קאן פון מיין אידישקייט אויף איין טאג ניט אוועקגיין. ווען איך זאל דאס אפילו זייער וועלן.

און דאס האט פארשטארקט מיין מיינונג, אז אידישקייט מיינט פריער פון אלץ אידישער באוואוסטזיין, ביי אידן גופא און ביי זיין סביבה.

פון דעם באוואוסטזיין קאן מען ערגעץ ניט אנטלויפן, אפילו ניט אין שמר.